# דברי מוסר והתעוררות

## שהשמיע כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א

## באסיפת כינוס התעוררות לנשי קהלתנו ומוסדותנו הק׳

**יום ב׳ פרשת וזאת הברכה א׳** (עשרת ימי תשובה) **תשע״ח לפ״ק**

**יוצא לאור ע״י מכון מעדני מלך וויען**

**מיר** שטייען יעצט אין די דערהויבענסטע טעג וואס איז דא אינעם יאר. טעג וואס דער אייבערשטער איז נאנט צו יעדן איינעם פון אונז, מיט א אויסערגעווענליכע נאנטקייט, וואס חז״ל (ראש השנה יח.) זאגן, אז א גאנץ יאר איז נישט דא אזעלכע טעג, ווי די טעג וואס איז דא צווישן ראש השנה און יום כיפור.

**דער** נביא ישעיה (ישעיה נה-ו) שרייט אויס און זאגט, ׳דרשו ה׳ בהמצאו׳, טוטס פארשן דעם אייבערשטן, בשעת ער געפונט זיך צווישן ענק, ׳קראהו בהיותו קרוב׳, רופטס אים ווען ער איז נאנט צו ענק. א גאנץ יאר, ווען דער מלך געפינט זיך ביי זיך אין פאלאץ, איז נישט מעגליך פאר יעדן צוצוקומען, מען דארף האבן זכותים און פרקליטן כדי מען זאל קענען אנקומען צום מלך. אבער ווען דער מלך גייט ארויס, און ער דרייט זיך ארום צווישן דעם פאלק, קען יעדער צוקומען צו אים, און יעדער קען בעטן וואס ער דארף. און די גמרא זאגט, אז אפילו א גזר דין של יחיד קען מען צורייסן. א גזר דין וואס א גאנץ יאר ווערט עס נישט צעריסן, קען מען פועל׳ן אין די טעג, צווישן ראש השנה און יום הקדוש.

**אלע** פאסירונגען וואס גייען פארקומען איבערן יאר, אלעס ווערט אויסגעשטעלט יעצט אין די טעג, אלעס ווערט געזיגלט אין יום כיפור. אונזער לעבן, און אונזערע קינדער׳ס לעבן, וואס פאר א סארט לעבן מיר זאלן האבן, געזונט צו ח״ו פארקערט. צו מען זאל האבן א יאר פון רחבות, א יאר פון עונג, צו עס זאל זיין ח״ו א פארקערט יאר. צו מען זאל האבן נחת פון קינדער, צו צער גידול בנים. אלעס קען מען אויס׳פועל׳ן אין די טעג, און וואס מען פועל׳ט נישט אויס אין די טעג, אז עס זאל זיין גוט, באצאלט מען שפעטער איבערן יאר א טייערן פרייז. יעצט איז די צייט וואס מען קען אויסבעטן, וואס מען דארף האבן איבערן יאר.

**וועגן** דעם איז דער נביא מעורר, אז מען דארף זעהן צו פעדערן די שלעכטס בעפאר עס קומט אן. און דער נביא זאגט, ׳יעזוב רשע דרכו׳, דער וואס פירט זיך נישט אויף גוט, זאל איבערלאזן זיין וועג אין וואס ער גייט, דער וועג וואס איז אקעגן די תורה. ׳ואיש און מחשבתיו׳, ער זאל איבערלאזן זיין השקפה, ווי אזוי ער טראכט, און ער קוקט אויף א זאך, וואס איז נישט ריכטיג, ׳וישוב אל ה׳, און ער זאל זיך צוריק קערן צום אייבערשטן, ׳וירחמהו׳, וועט דער אייבערשטער רחמנות האבן אויף אים, און דער אייבערשטער וועט אים פארשרייבן פאר א גוט געבענטשט יאר.

*

**תשובה איז טייטש, זיך צוריקקערן!** ווען א מענטש גייט אויפן וועג, און ער זעהט אז ער האט זיך טועה געווען, דער וועג איז נישט גוט, דרייט ער זיך אויס, ער לאזט איבער דעם וועג ווי ער איז געגאנגען, און ער הייבט אן צוריקצוגיין צו א נייעם וועג. דאס איז טייטש תשובה, ער קערט זיך צוריק פון דעם וועג ווי ער איז, און ער גייט אויף א צווייטן וועג. - אזוי איז אויך ביי אונז, **ווען א איד וויל זיך צוריקקערן צום אייבערשטן, דארף ער קודם קומען צו די הכרה, ער זאל אנערקענען, אז וואס ער טוט איז נישט ריכטיג.** ווייל ווילאנג ער מיינט, אז וואס ער טוט איז גוט, קערט מען זיך נישט צוריק צום באשעפער. **און ווען מען קומט צו די הכרה, אז זיין הנהגה איז נישט אויסגעהאלטן על פי תורה, דעמאלטס קומט ער אויך צו די הכרה, אז מען דארף אוועקגיין פון דעם וועג, און זיך צוריקקערן צו די דרכי התורה.**

**וואס** תורה איז, ווייסן מיר אלע. דרכיה דרכי נועם, וכל נתיבותיה שלום (משלי ג-יז). **די וועגן פון די תורה איז דרכי נועם, די תורה פארלאנגט נישט פון אונז אויסטערלישע זאכן, די תורה פארלאנגט נישט פון אונז זאכן וואס איז שווער. די וועגן פון תורה, איז א זיסער וועג פונעם לעבן. די הנהגה פון תורה, די וועג ווי אזוי מיר פירן זיך, איז אזא שיינקייט און אזא פראכט, וואס איז נישט דא צו דעם קיין דמיון אין די גאנצע וועלט! עס איז נישט דא קיין שום אומה ולשון, קיין שום פאלק, וואס זאל האבן אזעלכע הנהגות, וואס זאלן זיך אזוי אויפפירן, אז עס זאל זיין אפילו ענדליך צו דעם וועג ווי אזוי א יוד פירט זיך!**

**דער** יחס וואס איז דא צווישן א מאן און ווייב, די ליבשאפט, און די כבוד וואס מען גיט זיך איינער פארן אנדערן, וואס מען רעכנט זיך איינער מיטן צווייטנס מיינונג, איז נישט דא, נאר ביי אידן. אין די גוי'אישע וועלט, עקזיסטירט עס נישט. - מגדל זיין קינדער, האבן נחת פון קינדער, קינדער וואס געבן כבוד פאר עלטערן, קינדער וואס אויף די עלטערע יארן שטייען זיי צו הילף, און לאזן נישט איבער א מינוט די עלטערן, דאס געפונט מען נישט, נאר ביי אידישע קינדער. - דאס שיינקייט פון א שבת, פון א יום טוב, א תענוג וואס איז מעין עולם הבא, דאס געפינט מען נישט אין קיין שום פלאץ אין דער וועלט, נאר ביי אידן. - דאס איז די שיינקייט פון תורה, וואס דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום.

**ווען** די תורה בעט פון אונז וואס מיר זאלן יא טון, צו די תורה בעט פון אונז אז מיר זאלן נישט טון, מעגליך אז עס איז דא אמאל א שוועריקייט דאס אויסצופירן, אבער דאס איז נאר אין דעם אנהייב. די תוצאות דערפון, די קאנסעקווענצ"ן דערפון, איז אזא גוטס, וואס איז נישט דא קיין ענליכקייט דערצו. אז מען פירט זיך בדרכי תורה, זעהט מען מיט די צייט דאס גוטסקייט, און די שיינקייט, וואס איז דא אין דעם וועג וויאזוי מיר פירן זיך. נישט נאר בעולם הבא, וואס דער שכר פון עולם הבא איז דאך אן א שיעור, נאר פשוט אין דעם גשמיות'דיגן לעבן, איז נישטא קיין שענערע לעבן, פון א איד וואס נעמט זיך פאר, צו גיין אין די וועגן פון די תורה.

*

**א** גאנץ יאר איז דער מענטש פארנומען מיט פארשידענע טירדות. די טעג לויפן אדורך, די יארן גייען, אסאך מאל איז מען אזוי פארטון, אז מען פארגעסט מה חובתו בעולמו, וואס איז מיין פליכט אויף די וועלט. איז דען דער תכלית פון א מענטש, ער זאל האבן אסאך געלט?! ער זאל אנטון שיינע קליידער?! ער זאל האבן א שיינע דירה, און נאכדעם אלעס איבערלאזן און אוועקגיין פון די וועלט?! אויף דעם איז ער באשאפן געווארן? אין מלווין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובים ומרגליות (אבות ו-ט), מען נעמט זיך גארנישט מיט פון די אלע זאכן וואס מען האט זיך געפלאגט אויף די וועלט, אלעס לאזט מען דא. פאר דעם שיקט מען נישט אראפ אזא הייליגע נשמה אויף די וועלט, אז מען זאל זיין פארטון מיט גשמיות.

**עס** קומט ראש השנה, מען בלאזט שופר אויפצוועקן דעם מענטש פון זיין טיפן שלאף. זיך איבערטראכטן, מיר זענען דא אויף די וועלט פאר א צוועק, מיר האבן א תפקיד וואס מיר דארפן אויספירן. אונזער תפקיד איז, צו דינען דעם אייבערשטן, מקיים זיין די מצוות וואס דער אייבערשטער האט אונז באפוילען, און דורכדעם וועלן מיר זוכה זיין צו חיי עולם הבא, וואו דער אייבערשטער באצאלט גוטס, פאר די אלע וואס היטן אפ די מצוות ה'.

**כלל ישראל איז א הייליג פאלק.** מיר זענען א גוי אחד בארץ, איינס אין די וועלט, עס איז נישט דא קיין גלייכנס דערצו. ווען מען קוקט אן ווי אזוי די וועלט קוקט היינט אויס, ווי אזוי אומות העולם פירן זיך, וואס איז נישט קיין סאך מער, פון ווי אזוי בהמות און חיות פירן זיך. און מען קוקט אן ווי אזוי אידן זעהן אויס, מיר זענען דאך אלע צדקניות אקעגן די וועגן ווי אזוי א גוי פירט זיך. **דער ציבור וואס איז זיך צוזאמגעקומען דא, דאס איז פון די שענסטע וואס כלל ישראל פארמאגט.** מען איז געקומען, נישט געצווינגען, יעדער איז געקומען פון זיין אייגענער רצון, מען וויל הערן דברי אלקים חיים, מען וויל וויסן ווי אזוי מיר קענען זיך נאך מער מחזק זיין, מיר ווילן ווערן נאך בעסער פון וואס מיר זענען. מיר ווילן זיין שענער פון וואס מיר זענען געווען ביז יעצט. מאמעס וואס זענען געבענטשט מיט קינדער, מען איז זיך מוסר נפש מגדל צו זיין קינדער צו תורה און יראת שמים, דארפן נישט קיין סאך מוסר, זיי ווייסן באמת וואס זייער פליכט איז. מען קומט זיך נאר צוזאם, זיך מחזק צו זיין, אז מען זאל קענען אנהאלטן אין די שיינע וועגן פון די תורה.

**ראש** השנה ביינאכט נעמט מען א רימון, און מען זאגט דערויף א תפלה, יהי רצון שירבו זכיותינו כרימון. דאס איז א תפלה פארן אייבערשטן, אז מיר זאלן האבן אזויפיל זכיות, וויפיל קערלעך עס איז דא אין דעם רימון. אבער עס איז אויך דא אין דעם א מליצה פארן אייבערשטן. מיר זענען ממליץ פארן אייבערשטן, מיר זאגן פארן רבונו של עולם, קוק אן דיין פאלק, קוק אן אידישע קינדער,

די גמרא רופט עס אן, אפילו ריקנים שבהם, אפילו די ליידיגע וואס איז דא אין כלל ישראל, זענען מלאים מצות כרימון, זענען פול מיט מצוות ווי א רימון. מען נעמט א רימון, צו ווייזן פארן רבונו של עולם, די שיינקייט פון אידן, אז מיר זענען אנגעפולט מיט מצוות.

**דער** תכלית וואס מיר זענען זיך צוזאמגעקומען איז, זיך אליין מחזק צו זיין. זאכן וואס מיר ווילן באמת אין טיפן הארץ זיך אזוי פירן, מיר ווילן נישט נאכגעשלעפט ווערן נאך די גאס, עס עקלט אונז די פריצות וואס איז דא היינט אין די וועלט, מיר ווילן זיך מתרחק זיין פון זיי, אונזערע קינדער זאלן נישט זיין אזוי ווי זיי, מען קומט הערן וואס מיר קענען צוגעבן מער קדושה ביי אונז אין שטוב.

*

**מען** ווייסט, אז דער ערשטער חטא נאך מתן תורה, איז געווען דער חטא העגל. די מענער זענען נכשל געווארן, און מען האט געמאכט דעם עגל, אבער די נשים זענען נישט נכשל געווארן, זיי האבן נישט געהאט קיין חלק אינעם עגל. וועגן דעם האבן זיי באקומען דעם ראש חודש, א יום טוב וואס איז געגעבן געווארן נאר פאר זיי.

**דער** פסוק (שמות לב-ג) זאגט ביים חטא העגל, אז אהרן האט געבעטן מען זאל אים ברענגען תכשיטים, ויתפרקו העם את נזמי הזהב אשר באזניהם, די מענער האבן געהאט תכשיטים אויף די אויערן, האבן זיי גענומען זייערע גאלדנע נזמים, זייערע גאלדענע תכשיטים, און זיי האבן דאס אהין געגעבן פאר אהרן. די נשים האבן נישט אוועקגעגעבן זייערע נזמים צו מאכן דעם עגל. עס ליגט דערין א רמז. בשעת מיר האבן מקבל געווען די תורה, האבן יודען געזאגט, כל אשר דבר ה' נעשה ונשמע (שם כד-ז), מיר גייען טון אלעס וואס דער אייבערשטער האט געהייסן, און מיר גייען הערן אלעס וואס דער אייבערשטער האט געהייסן. אז מען זאגט שוין כל אשר דבר ה' 'נעשה', וואס האט מען נאך צוצוגעבן 'ונשמע', אז מען וועט הערן?

**נאר** אידן האבן פארשטאנען, אז עס וועט זיין שפעטער אסאך נסיונות וואס מען וועט דארפן אדורכגיין צו גיין בדרכי התורה, אבער זיי האבן זיך פארגענומען, 'ונשמע', מיר גייען שטענדיג הערן מוסר, מיר גייען שטענדיג צוהערן די ווערטער פון חכמי ישראל אין יעדן דור, מיר גייען מקבל זיין פון זיי דעם וועג ווי אזוי מיר דארפן זיך פירן, מיר גייען מקבל זיין חיזוק צו טון וואס זיי וועלן הייסן. אויסער דעם כל אשר דבר ה' 'נעשה', אויסער דעם וואס מיר גייען טון וואס דער אייבערשטער האט געזאגט, האבן זיי געזאגט 'ונשמע', מיר גייען אויך הערן וואס די חכמים וועלן אונז צוגעבן אין יעדן דור. און דער 'ונשמע' איז א גאלדענע תכשיט וואס מיר האבן אין די אויערן, אז מען הערט צו, צו די ווערטער פון די חכמים.

**יודען** דעמאלטס ביים חטא העגל, האבן נישט געפאלגט וואס מען האט זיי געזאגט. משה רבינו האט זיי געזאגט, אז ער גייט ארויף אין הימל אויף פערציג טאג, און איך לאז איבער דא אהרן מיט חור, זיי וועלן מסדר זיין אלע פראבלעמען פון יודען ביז איך קום אראפ. ווען יודען האבן געוואלט מאכן דעם עגל, זענען זיי דורכגעפאלן. זיי זענען געגאנגען צו חור, און חור האט זיי געזאגט, אז מען טאר נישט מאכן קיין עגל, זענען זיי געגאנגען און זיי האבן גע'הרג'עט חור וואס האט זיי געזאגט מוסר. נאכדעם זענען זיי געגאנגען צו אהרן, און אהרן האט מורא געהאט אז מען וועט אים אויך הרג'נען, און דעמאלטס וועלן יודען נישט קענען האבן קיין כפרה אויף שטענדיג, האט ער געמאכט דעם עגל.

**זאגט** די תורה, אידן האבן אויסגעטון 'את נזמי הזהב אשר באזניהם', די שיינע תכשיטים וואס זיי האבן געהאט אין זייערע אויערן, האבן זיי פון זיך אראפגעווארפן. דעם תכשיט פון הערן די ווערטער פון די חכמים, וואס זיי האבן געהאט ביז יעצט, זענען זיי דורכגעפאלן. - **אבער די נשים האבן נישט אוועקגעגעבן דעם נזם וואס זיי האבן. ביז היינט טראגן זיי דעם שיינעם תכשיט, זיי זענען גרייט צו הערן, און זיי זאגן היינט אויך, 'נעשה ונשמע', מיר ווילן הערן, מיר וועלן טון די וועגן פון די תורה. מיר גייען צוהערן צו די ווערטער פון די חכמים, מיר ווילן באמת ויסן וואס עס פארלאנגט זיך פון אונז, און מיר זענען דאס גרייט צו טון.**

*

**אין** די תורה איז דא אסאך מצוות, **אבער איין מצוה, איז בעיקר געגעבן געווארן פאר א אידישע טאכטער, דאס איז די מצוה פון 'צניעות'.** צניעות איז טייטש באשיידן, נישט בולט זיין, נישט ארויסשטארן, נאר זיין צוזאמגענומען. דאס איז כולל יעדע זאך אין די הנהגה פונעם מענטש. די וועג ווי אזוי מען גייט געקליידעט, דארף זיין א וועג פון צניעות. די וועג ווי אזוי מען רעדט, רעדט מען מיט צניעות. די וועג ווי אזוי מען גייט אויף די גאס, גייט מען מיט צניעות. ביי יעדע זאך איז דא א מצוה מיוחדת וואס איז געגעבן געווארן נאר פאר איר, אז זי זאל זיין א צנועה.

**עס** איז דא אסאך מאל ערליכע נשים צדקניות, וואס זוכן זיך מצוות. זיי זענען מדקדק אפילו אין מצוות וואס זיי זענען פטור. א מצות עשה שהזמן גרמא, א מצוה וואס איז נאר פארבינדן מיט די צייט, זענען נשים פטורות. זי גייט אין בית המדרש הערן שופר בלאזן, כאטש על פי דין איז זי פטור. זי זיצט אין די סוכה, כאטש זי איז פטור. זי שאקלט לולב און אזוי ווייטער. זי איז גרייט צו טון חסד, און מען טוט חסד לאלפים, טויזענטער סארט חסדים, אלע צורכי צדקה וחסד זענען נשים צדקניות ארגאניזירט, און זיי טון דאס, און עס קומט זיי אסאך קרעדיט דערפאר, און דער אייבערשטער וועט אוודאי באצאלן שכר, אויף יעדע גוטע זאך וואס מען האט געטון. אבער אסאך מאל, די מצוה וואס איז מיוחד נאר פאר זיי אליין, וואס אנדערע קענען עס נישט טון, עס איז געגעבן געווארן נאר פאר זיי, אין דעם איז דא אן התרשלות. די גדרי הצניעות זענען נישט ווי עס וואלט געדארפט צו זיין. - און די סיבה דערפון איז, ווייל אזוי ווי עס איז נישט דא אין די וועלט ווער עס זאל מקיים זיין די מצוה, נאר זיי, טוט זיך דער יצר הרע פארלייגן, ער רייצט אן, אז מען זאל נישט מקיים זיין די מצוה, מען זאל נישט צולייגן קיין הארץ צו דער קיום פון די מצוה.

**צניעות** איז דער טייטש, אז א יודישע טאכטער טאר נישט טון א זאך, וואס ציט די אויג אויף איר. דאס איז כולל אלע סארט תנועות. ווען מען רעדט, רעדט מען נישט הויך דארט ווי מענער זענען. מען דרייט זיך נישט ווי מענער זענען. מען טרעט נישט אזעלכע טריטן, זאגט די גמרא (שבת סב:), וואס טוט צוציען דעם אויג. אין אלעם איז דא א נקודה פון צניעות וואס מען דארף זיך פירן. אבער בעיקר קומט עס אויס ביי די קליידונג ווען מען גייט ארויס אויף דער גאס.

**יעדער בגד וואס ווען מען טוט עס אן, ציט עס דעם אויג פון א מענטש, אז ער זאל קוקן דערויף, איז עס א בגד פון פריצות.** דאס איז נוגע סיי די קאליר פון דעם בגד וואס איז א רעש'דיגער קאליר, צו מען טוט אן דעם בגד אויף אזא וועג וואס ברענגט אז מען זאל נאכקוקן. מען קען אמאל גיין צוגעדעקט געהעריג פון קאפ ביז פיס, קיין שום האר זעט זיך נישט ארויס, און אפילו ענדליך צו האר, מען איז אראפגעבינדען אינגאנצן, אבער דעם היטל צו דעם טיכל וואס מען טוט אן, האט מען אנגעטון אויף אזא וועג אז עס ציט דעם אויג פונעם מענטש, גייט זי נישט בדרך צניעות.

**שיך** וואס מען טוט אן, אויב עס איז א רעש'יגער קאליר, אויב עס גייט ארויס פון דעם גדר ווי אזוי מען גייט בכלליות, נארמאל, איז דאס דער היפך פון צניעות. - כל שכן ווען א בגד איז טיי"ט, ווי מען רופט עס, איז עס א בגד של פריצות. צו מען גייט מיט א קורץ קלייד, כל שכן ווען מען גייט מיט זאקן וואס מען קען אדורכזעהן, וואס על פי הלכה הייסט עס נישט קיין בגד, איז דאס גילוי בשר ממש.

**דאס** איז פון די מצוות וואס ליגן אויף אונז. עס איז דאך טעג פון תשובה, זיך מתבונן זיין, ווי אזוי איז מיין קליידונג. איבערטראכטן ביי זיך צו איך פיר זיך מיט א צניעות ווען איך גיי ארויס אויף דער גאס. אוודאי אין שטוב דארף מען גיין שיין געקליידעט, אין שטוב דארף מען נישט גיין אנגעטון ווי א משרת. אדרבה, די שיינע קליידונג איז געמאכט געווארן פאר אין שטוב. אבער ווען מען גייט ארויס אויף דער גאס, דארף מען איבערטראכטן פריער. מען קען גיין שיין אנגעטון, און געהעריג אנגעטון, אבער עס איז מיט א איידלקייט, עס איז מיט א צניעות, און אויף דעם דארף מען זיך אכט געבן ווי אזוי מען גייט ארויס.

*

**עס** איז דא אסאך וועגן ווי אזוי מען גייט מיט דער צודעק אויפן קאפ. עס איז דא וואס גייען מיט א שייטל, עס איז דא וואס גייען מיט א טיכל דערויף. עס איז דא וואס גייען מיט א חלק פון א שייטל, און אויף דעם א טיכל צו א הוט. יעדע שטוב לויט אירע מנהגים, און איך גיי נישט יעצט אריין אין דעם נושא. אבער דאס איז יא דא א חיוב אויף אונז, שמע בני מוסר אביך, ואל תטוש תורת אמך (משלי א-ח). **א אידישע טאכטער האט נישט קיין רעכט אוועקצוגיין פון דעם וואס זי האט געזעהן אירע עלטערן זיך פירן.** אז מיין מאמע האט זיך אזוי געפירט, מיין באבע האט זיך אזוי געפירט, האב איך נישט קיין רעכט נאכצולאזן פון דעם אפילו א משהו. גאנץ יודישקייט ביי אונז איז תלוי, אין וואס מען האט געלערנט ביי די עלטערן. און עס איז א חיוב מן התורה, אז מען איז מחויב צו גיין אין די וועגן וואס די מאמע האט זיך געפירט! אל תטוש תורת אמך! אלע מנהגים וואס איז דא ביי אונזערע עלטערן, איז ביי אונז א תורה שלימה.

**אוודאי** מעג יעדער איינער צוגעבן גדרים וסייגים מער און שענערע זאכן, אפילו מען האט עס נישט געזעהן ביי די עלטערן. און אז מען האט געזעהן ביי די עלטערן א זאך וואס איז נישט אויסגעהאלטן, איז אוודאי אז מען דארף נישט גיין אויף דעם וועג. מיר רעדן יעצט אז מען טאר נישט נאכלאזן און מזלזל זיין אין די שיינע און גוטע זאכן וואס מען האט געזעהן ביי די עלטערן. און וואויל איז פאר די נשים צדקניות, וואס גייען געהעריג צוגעדעקט דעם קאפ מיט א ריכטיגן צניעות. זיי זענען

מקדש שם שמים בגלוי ווען זיי גייען אזוי ארויס, און זייער שכר איז גאר גרויס.

**לעצטנס איז געווארן נפרץ וואס מען האט אנגעהויבן צו גיין מיט לאנגע שייטלעך. א לאנג שייטל איז טייטש, א שייטל וואס גייט לענגער פון די אקסל.** וואס מיט יארן צוריק, בשעת עס האט אנגעהויבן ארויסצוקומען די שייטלעך, האבן אלע גדולי ישראל ארויסגעגעבן א איסור אז מען טאר נישט גיין דערמיט. סיי די חסידים, און סיי די ליטווישע וועלט, סיי אין חוץ לארץ, און סיי אין ארץ ישראל, איז געווען געדרוקט א קול קורא אז מען טאר נישט גיין מיט אזא שייטל.

**מיר ווייסן, אז ווען די טעכטער גייען אין סקול, איז מען מקפיד, אז מען לאזט נישט גיין די טעכטער מיט לאנגע האר. און יעדער פארשטייט אז עס איז נארמאל אזוי, עס איז א גדר פון צניעות אז מען זאל נישט גיין מיט לאנגע האר. און פארוואס פארשטייט מען נישט, אז נאכדעם וואס מען האט חתונה געהאט, וואס דעמאלטס איז די האר אסאך הארבער ווי די האר וואס מען איז געגאנגען פאר דעם, זי איז דאך א אשת איש, דעמאלטס שעמט מען זיך נישט ארויסצוגיין מיט לאנגע האר, מיט א לאנג שייטל... ווי איז דער שכל? מען האט זיך געהיטן דערויף ביז די ניינצן צוואנציג יאר, ביז מען האט חתונה געהאט האט מען זיך געהיטן און מען איז געגאנגען מיט האר וואס איז געווען שיין באשיידן, און ווען מען ווערט אן אשת איש, ווען מען דארף זיך מער היטן, ווערט עס א היתר אז מען מעג אזוי גיין?!** און דאס וואס מען גייט מיט שייטלעך וואס די האר זענען צעפלאסן, עס שאקלט זיך פון איין זייט צו די אנדערע זייט ווען מען גייט, צו מען גייט אויף א וועג וואס איז אויפפאלענד, ביי די אלע זאכן איז נישטא קיין שום היתר, אז מען זאל מעגן אזוי ארויסגיין אויף דער גאס.

**אידישע** טעכטער זענען צניעות, אסאך מאל איז דא וואס די שייטל מאכערס טוען צורעדן, זיי טוען אנרייצן אז מען זאל מאכן לענגער דעם שייטל. בפרט ווען מען האט חתונה, כלות נאך די חתונה, וואס האבן נאך נישט קיין השגות, און זיי פארשטייען נאך נישט וואס דער חסרון דערפון איז, און מען קען זיי זייער גרינג איבעררעדן, זיי זענען געלערנט ווי אזוי זיי זאגן דאס, זיי ווילן דאך נישט הייסן, אז זיי האבן מכשיל געווען אז מען זאל אזוי גיין, אבער מען גיט געוויסע קאמפלימענט"ס, ווי שיין מען זעהט אויס ווען מען גייט מיט א לאנג שייטל, און אז יעדער גייט אזוי. זיי טוען עס אריין דרייען דרך אגב, כדי אז מען זאל נאכדעם אליין פארלאנגען, אז מען וויל אזוי גיין. - **די וואס מאכן אזעלכע שייטלעך, און זיי טוען צורעדן דערצו, זאלן וויסן זיי זענען בכלל מחטיא את הרבים, וואס עס שטייט דערויף אין חז"ל** (יומא פז.), **אז אין מספיקין בידם לעשות תשובה, זיי וועלן אפילו נישט האבן קיין געלעגענהייט תשובה צו טון דערויף.**

**עס** שטייט אין **משנה ברורה** (סימן ש"ז סקס"א) אז ווען מען פארקויפט א ספר וואס איז נישט ערליך צו ליינען, איז מען א מחטיא את הרבים. און דארט רעדט מען פון איין ביכל, וואס מען האט פארקויפט פאר איין מענטש, צו ליינען ביי זיך אין שטוב. כל שכן ווען מען פארקויפט א שייטל, צו א קלייד, וואס ווען מען גייט ארויס אויף דער גאס איז מען יעדעס מאל ווען מען גייט ארויס, מכשיל צענדליגער און הונדערטער יודישע קינדער, איז אוודאי אז דער וואס טוט צורעדן דערצו איז א מחטיא את הרבים. און דער וואס גייט ארויס דערמיט, זאל וויסן דעם געוואלדיגן אחריות וואס מען האט, ווען מען גייט אזוי.

*

**עס איז נפרץ געווארן זיך צו שמירן דעם פנים, די אויגן, מיט א פארב וואס איז רעש'יג.** עס איז דא א בפירוש'ער פסוק אין נ"ך (ישעיה ג-טז), ישעיה הנביא זאגט אין נאמען פונעם אייבערשטן, די עונשים וואס ער וועט ברענגען אויף אידישע טעכטער. און ער רעכנט אויס צווישן זיי, אז דאס אלעס וועט קומען ווייל זיי זענען געגאנגען 'נטויות גרון', אויסגעצויגן מיטן האלז, 'ומשקרות עינים', זאגט רש"י אויפן פלאץ, זיי האבן זיך געפארבט זייערע אויגן מיט פארב. אין דער אלטער היים איז געווען פארב פאר נשים, מען האט זיך אויך געפארבט, אבער דאס איז געווען ווייל מען איז געווען אמאל בלאס, און מען האט נאר צוריקגעשטעלט מיט די פארב, אז עס זאל זיין דער נארמאלער קאליר אויפן פנים, עס זאל זיך נישט דערקענען די בלאסקייט, אויף דעם האט מען אמאל מקיל געווען צו שמירן. אבער דאס וואס די שמירעכץ איז היינט געווארן, אז עס איז ארויס פונעם נארמאלען וועג, יעדעס מאל ווען מען שמירט זיך, איז עס אויפפאלענד ווען מען גייט ארויס אויף דער גאס, האט דער נביא געזאגט, אז די צרות וועלן קומען אויף דעם וואס זיי זענען משקרות עינים. און ווען מיר זאגן יום כיפור, 'על חטא שחטאינו לפניך בשיקור עין', טייטשן די מפרשים, אז דאס גייט ארויף אויף דעם וואס מען האט זיך געשמירט די אויגן.

**און ביי דעם איז אויך דא א גרויס חלק פון די ווייבער וואס זייער פרנסה איז פון דעם, און זיי טוען צו רעדן, און אנרייצן די קונים, אז מען זאל זיך שמירן, און זיי מיינען נאר דאס געלט וואס זיי וועלן**

**קענען האבן דערפון, און צוציען דורכדעם אנדערע וואס זאלן קומען צו זיי. אבער מען דארף וויסן פאר זיך אליין, אז עס איז נישט דא קיין היתר ארויסצוגיין אויף די גאס געפארבטערהייט מיט אזא פארב וואס טוט צוציען דעם אויג צו זעהן.**

*

**מען** מאכט חתונה קינדער, מען קויפט איין שטאפיר, דארף מען זעהן צו קויפן צניעות'דיגע קליידער, כשר'ע שטריפ, און נישט קיין לאנגע שייטלעך. אנהייבן אויפשטעלן די שטוב, אז עס זאל זיין א שטוב וואס עס וועט זיין קדושה אין די שטוב, צניעות אין שטוב, און דעמאלטס וועט זיין דארטן השראת השכינה.

**עס איז אסאך מאל זייער ווייטאגליך, אז די נאכט פון די חופה, וואס וואלט געדארפט צו זיין אזא הייליגע נאכט, די ערשטע נאכט וואס מען הייבט אן אויפצושטעלן א שטוב אינאיינעם. נאך א טאג וואס מען האט געפאסט און געבעטן פונעם אייבערשטן, אז מען וויל אויפשטעלן א שיינע ערליכע אידישע שטוב, גייען אסאך מאל די כלות אן צניעות מיט דעם צו-דעק אויפן קאפ. עס איז אסאך מאל אפען די האר. מען גייט מיט קורצע ערמל. אזוי דארף מען אנהייבן א לעבן? תיכף אין דעם ערשטן מאל ווען מען ווערט אן אשת איש, זאל מען גיין אויף א וועג וואס איז אזא חסרון צניעות?** אוודאי רעדט מען נאר פון מיעוטים, אבער דער סדר איז, אז עס הייבט זיך אן קודם ביי א מיעוט, און נאכדעם ווערט עס נפרץ אויך ביי אנדערע.

**און** איך וויל אויסרופן צו די נשים צניעות, וואס זיי זענען נישט נכשל אין די אלע זאכן, זיי גייען איידל און ערליך, אזוי ווי אונזערע מאמעס און באבעס זענען געגאנגען, **תחזקנו ידיכם! עטץ זאלטס ענק האלטן שטארק. עטץ גייטס אין די וועגן וויאזוי אונזערע אמהות, שרה רבקה רחל און לאה, זענען געגאנגען. עטץ זענטס ווייטער ממשיך די מסורות פון דעם דרך ישראל סבא. אין אזא צייט ווי היינט, טראגט עטץ דעם פאן פון צניעות מיט א דערהויבענקייט.** עס איז נישט דא קיין ענדע צו דעם שכר וואס ווארט פאר די אלע וואס גייען אזוי. מען זאל זיך נישט האלטן אונטערגעשעצט, אראפגעקוקט, נאר אדרבה, ויגבה לבו בדרכי ה' (דברי הימים ב יז-ו), מען דארף זיך האלטן שטאלץ מיט יודישקייט, זיין שטאלץ מיט דעם ערליכן שיינעם לבוש וואס מען גייט. **יעדע טריט וואס מען גייט ארויס אויף די גאס, און מען גייט איידל, איז א קידוש שם שמים! יעדע רגע טוט זי א מצוה, זי איז מקדש דעם אייבערשטן'ס נאמען, און זי הייבט אויף דעם סטאנדארט פון צניעות אויף די גאס.**

**אונזער** שטאט וויליאמסבורג, איז א הייליגע שטאט, עס איז אנגעפולט מיט תורה און יראת שמים. אונזערע גאסן זענען הייליג, אקעגן אנדערע גרויסע שטעט וואס איז דא. **ווער מאכט די אטמאספער פון צניעות אויף די גאס? נאר די ווייבער וואס גייען דארט. זיי האבן דעם וועג ווי אזוי זיי קענען עס אראפברענגען, און זיי קענען דאס דערהייבן. יעדע אידישע טאכטער וואס גייט ארויס אויף די גאס, און זי גייט מיט א צניעות'דיגן קלייד, זי גייט מיט א שייטל וואס איז צניעות'דיג, טוט זי אויפהייבן די אויר פון קדושה פון די שטאט. זי הייבט אויף די גאנצע שטאט, מיט דעם וואס זי גייט אזוי.** און פארקערט, אז מען גייט נישט ארויס מיטן ריכטיגן צניעות, ברענגט מען אראפ דעם רוח הצניעות פון די שטאט. נישט נאר פאר זיך טוט זי אן עוולה, נאר זי טוט מיטשלעפן דערמיט די גאנצע שטאט.

**און** דאס איז אייער פליכט. די מצוה וואס דער אייבערשטער האט ענק געגעבן, די מצוה פון צניעות וואס דער באשעפער האט געגעבן פאר נשים צדקניות, איז ענקער פליכט עס אנצוהאלטן. זיך מחזק זיין אין וואס מען האט גערעדט פריער, און דורכדעם וואס מען גייט אזוי ארויס, שטעלט מען אויף א ערליכע אידישע שטוב, און מען זעהט נאכדעם נחת ביי די קינדער.

*

**דער נסיון פונעם היינטיגן דור, ווייסט יעדער איינער, זענען די טעכנעלאגישע כלים וואס איז דא, די אינטערנע"ט און די סמארטפאו"ן.** רבים חללים הפילה, אסאך יודישע שטיבער זענען שוין צעבראכן געווארן, און פארפאלן געווארן דורכדעם. הונדערטער שטובער זענען אינגאנצען צעבראכן געווארן, עס איז איבערגעבליבן ווייבער אן די מענער, און קינדער אן די עלטערן. און וויפיל נאך שטובער וואס זענען נאך צוזאמען, אבער אינעווייניג איז עס צעבראכן למחצה לשליש ולרביע, אמאל איז עס דריי פערטל צובראכן, און אמאל האלב צובראכען. אבער ווי עס איז דא אינטערנע"ט אין שטוב, וואו אדער דער מאן אדער די ווייב באנוצט זיך דערמיט, ברענגט עס אראפ די נאנטקייט, און די ווארימקייט, וואס א יודישע שטוב דארף האבן.

**דאס** קומט נישט במזיד, ווייל מען וויל נישט זיין גוט. עס קומט נישט, ווייל מען וויל זוכן זאכן וואס איז נישט גוט. נישט דאס האט צוגעברענגט צו דעם מצב וואו זיי זענען שפעטער צוגעקומען אז עס האט צעבראכן זייער שטוב. **עס האט זיך אלעס אנגעהויבן נאר אומווילענדיג! מיט א שוגג, א אונס, מען האט נישט געוואלט, עס איז עפעס ארויפגעקומען וכדומה,** וואס

איך גיי נישט יעצט אריינגיין אין די פרטים. און דער געוואלדיגער כח פונעם יצר הרע טוט צורעדן דערצו, אז מען פארלירט די שליטה אויף זיך, מען איז נישט קיין בעל הבית אויף זיך נאכדעם. און ווען מען ווערט נאכדעם אריינגעצויגן דערין, קען מען צוקומען צום ערגסטן מצב, וואס מען האט זיך קיינמאל נישט פארגעשטעלט, אז דאס וועט פאסירן ביי אים אין שטוב.

**זיך באנוצן מיט אינטערנעט, צו מיט א סמארטפאון, וואס האט נישט אויף זיך קיין פילטער, פון דעם רעד איך אפילו נישט יעצט. עס איז ידוע פאר יעדן איינעם, די הארבקייט פונעם איסור פון זיך צו באנוצן מיט א כלי אן א פילטער. עס איז אסור פאר יעדן איינעם, נישט קיין נפקא מינה צו א מאן צו א פרוי, צו איז דאס ביי זיך אין שטוב, צו איז דאס ביי די ארבעט. עס שטייט אין די גמרא** (בבא בתרא נז:) **אז א מאן וואס באנוצט זיך מיט אזא כלי וואס איז א איסור, זאגן די חז"ל אז ער ווערט אנגערופן א 'רשע'! און זעלבסט פארשטענדליך, אז ווען א יודישע טאכטער באנוצט זיך דערמיט, ווערט זי אנגערופן א 'רשע'נתא'!** [עס פאסט נישט צו זאגן].

**אסאך** מענטשען טוען זיך פארענטפערן, אז ער האט אליין ארויפגעלייגט א פילטער דערויף. **אבער אז ער האט א פילטער, וואס ווען ער וויל קען ער עס אראפנעמען, קעי-9 וכדומה, איז דאס נישט קיין שמירה! עס איז כאילו מען האט נישט קיין פילטער!** מען נארט זיך אליין, ווען דער יצר הרע פארלאנגט עפעס, האט מען שטענדיג די מעגליכקייט צוצוקומען וואו מען וויל. דאס איז כאילו מען באנוצט זיך מיט א כלי וואס האט נישט קיין פילטער, וואס איז נישט דא קיין שום היתר, אז מען זאל זיך קענען מיט דעם באנוצן.

**די זעלבע איז אויך זיך צו באנוצן מיט וואטס-עפ, וואס איז אפען צו יעדן איינעם** (גרופ"ס)**, וואס יעדער קען אריינשיקן וואס ער וויל, און עס איז אפען צו מענטשן וואס זענען לייכטזיניג, אפילו זיי זענען שומרי תורה, און זיי שיקן אריין מעסידזשע"ס, צו אסאך מאל בילדער וכדומה, וואס עס פאלט זיי איין, איז דאס אויך א איסור גמור.** עס ליגט אין דעם לשון הרע, מיט רכילות, מיט ביזוי תלמידי חכמים, און עס ליגט דערין אסאך מאל מינות וכפירה ממש! מען לאכט אפ, פון מצות התורה, און פון די מנהגים פון תורה. און אומדירעקט ווערט מען נשפע, און מען פארלירט די ווארימקייט וואס מיר דארפן האבן צו תורה ומצוות. און ווער עס האט נאר אביסל שכל, פארשטייט אז דאס איז נישט געמאכט געווארן פאר א יודיש קינד.

*

**איך** האב אבער געוואלט ארויסברענגען די מכשול וואס איז דא **אפילו ווען מען האט א פילטער.** איינס, עס איז נישט דא קיין פילטער, וואס האט נישט קיין לעכער דערין, וואס מען קען נכשל ווערן. **יעדע פילטער וואס מען האט, איז א בדיעבד'יגע פילטער.** און עס איז דא כמה פעמים וואס מען ווערט נכשל, אפילו ווען מען האט א פילטער. **ממילא אז מען דארף עס נישט האבן, זאל מען עס אינגאנצן נישט האבן.**

**אבער** מיר רעדן יעצט צו יודישע מאמעס, וואס זענען געבענטשט מיט קינדער, ליגט דערין אסאך און אסאך מער. **א מאמע וואס האט זיך צוגעוואוינט צו נוצן א סמארטפאון, זאל זי וויסן אז זי איז נישט קיין מאמע פאר אירע קינדער! נאר א האלבע מאמע, אדער אפשר ווייניגער.** זי קאכט, זי וואשט, זי טוט פארן קינד אלעס וואס ער דארף האבן, אבער זי לעבט נישט צוזאמען מיטן קינד. זי האט אוועקגענומען א חלק פון איר לעבן, וואס איר קאפ איז נישט דארטן צו די חינוך פון די קינדער. **די תפקיד פון א אידישע מאמע איז, צו געבן ליבשאפט, ווארימקייט, ליבליכקייט פאר אירע קינדער, זיין פארנומען מיטן קינד, און לעבן צוזאמען מיט די קינדער דעם גאנצן טאג. יעדע ווארט וואס א קינד זאגט ארויס, זאל מען דערהערן וואס דאס קינד זאגט. און ווען מען ענטפערט פארן קינד, זאל מען ענטפערן מיטן גאנצן קאפ וואס איז דארט, אז דאס קינד זאל זעהן, אז מען האלט מיט. מען דארף פארברענגען מיט די קינדער, און זיך שפילען מיט די קינדער, דאס איז די פליכט פון א אידישע מאמע.**

**אונזער** עלטערער דור געדענקט נאך, ווי אזוי אונזערע מאמעס האבן אונז מחנך געווען. וואס דעמאלטס איז נישט געווען קיין שום זאך אין די שטוב, וואס האט געשטערט א מאמע פון האבן איר גאנצע קאפ נאר אויף אירע קינדער. **פון ווען די קינדער זענען אריינגעקומען אין שטוב, פון די סקול צו פון די חדר, איז געווען די אויגן פון די מאמע, און די אויערן פון די מאמע, צוגעטשעפעט צו דעם קינד. און זיי זענען געווען שטענדיג פארנומען מיטן קינד, מען האט אויסגעהערט יעדעס ווארט וואס א קינד זאגט, און מען האט געהאט צייט צו שמועסן מיט א קינד, און זיך שפילן מיט א קינד, און וועגן דעם איז געווארן א געוואלדיגע ליבשאפט צווישן קינדער און די עלטערן.** עס איז געווען אזא טבע, אז א קינד האט געהאט א געוואלדיגע אהבה צו די מאמע, און אסאך מאל נאך מער ווי צו דעם טאטע'ן, ווייל מיט די מאמע איז ער געווען פארנומען דעם גאנצן טאג.

**עס איז אמאל נישט איינגעפאלן פאר א קינד, צו דאס איז א זון צו א טאכטער, אפילו נאר איינפאלן, אפשר זאל איך איבערלאזן די**

**שטוב פון מיינע עלטערן און אוועקגיין.** עס איז נישט עולה געווען על הדעת אזא זאך. ווייל דער קשר פון ליבשאפט איז געווען אזוי גרויס, אז ווען מען האט זיך אפגעטיילט, איז כאילו מען האט אוועקגענומען א שטיק פון זיין לעבן. ממילא האבן זיך קינדער געהאלטן, און מען איז געווען צוגעבינדן צו די עלטערן, מען איז נישט ארויסגעגאנגען לתרבות רעה. **ווי מער א מאמע איז צוגעבינדן צו א קינד, איז דאס קינד צוגעבינדן צו די מאמע. און מען לאזט נישט איבער א שטוב פאר סיי וואס פארא צוועק עס זאל זיין.** - די מחנכים אין די בתי חינוך זאגן, אז עס איז אינגאנצען נישט דומה, מען קען דערקענען אויף א קינד וואס קומט אין סקול, צו די מאמע טוט זיך באנוצן מיט א סמארטפאון צו נישט. א שטוב וואס דער קאפ איז נישט אויפן קינד, דערקענט זיך עס אינעם קינד, אז עס פעלט די ליבליכקייט פון די עלטערן, עס פעלט דער אחריות וואס עלטערן האבן אויף קינדער. און מען רעדט נישט, ווען מען נעמט נאך דעם סמארטפאון, און מען גיט עס איבער פארן קינד אליין אין די הענט, אז דאס קינד קען זיך אויך באנוצן דערמיט, איז דער גאנצער קאפ פון דעם קינד שוין מער נישט אין חדר אדער אין סקול.

**אבער אפילו עס איז אמאל דא א סיבה וואס זי דארף האבן א סמארטפאון, זי טוט אויך פאר פרנסה וכדומה, דארף מען אבער אכט געבן, זיך נישט באנוצן דערמיט, פון ווען א קינד קומט אריין אין שטוב ביז דאס קינד לייגט זיך.** עס איז דא גענוג צייט איבערן טאג וואס מען קען טון אלעס וואס מען דארף. **אין די צייט ווען דאס קינד קומט אריין אין שטוב, זאל זי זיך איבערגעבן פארן קינד, אויפצובויען א נאנטקייט צו א קינד. און כל שכן אז מען זאל זיך נישט אראפזעצן מיט די קינדער אליין אויף די כלים, צו פאר שאפינ״ג, און כל שכן זיך אונטערצוהאלטן. מען געוואוינט צו א קינד אז מען זאל זיך דערמיט באנוצן, און זיי וועלן זיך נאכדעם באנוצן דערמיט, אנדערש ווי די מאמע באנוצט זיך.** ווען עלטערן לאזן נאך א קלייניגקייט, דארטן הייבן ערשט די קינדער אן, און זיי קומען צו נאכדעם צו די הארבסטע וואס איז דא.

**איך בעט יעדן איינעם, וואס קומט יא אויס אז מען האט א סמארטפאון אין שטוב, אז מען זאל האבן עקסטער א פשוטן סעלפאון. און אלע שמועסן וואס מען דארף אין שטוב, זאל זיין אויפן פשוטן סעלפאון.** אפילו מען דארף האבן אין לעדל א סמארטפאון פאר ביזנעס וכדומה, וואס מען וויל עס נוצן פאר עפעס אנדערש, זאל מען זיך נישט באנוצן מיט דעם סמארטפאון, נאר ווען מען דארף עס האבן פאר א צורך. און מחנך זיין מיט דעם די קינדער, אז דער כלי איז נישט געמאכט געווארן זיך צו באנוצן דערמיט שטענדיג, דאס איז נאר געמאכט געווארן פאר א געוויסן צוועק ווען מען דארף עס האבן.

---

**איך וועל צוזאמנעמען וואס איך האב געזאגט:**

**א)** האבן א סמארטפאון צו א אינטערנעט אין שטוב, וואס האט נישט קיין פילטער, אפילו מיט קעי-9, איז א איסור גמור צו האלטן.

**ב)** האבן א סמארטפאון וואס איז אפען מיט וואטס-ע״פ צו לייכטזיניגע מענטשן (גרופ״ס), איז א איסור גמור וואס מען טאר נישט האבן.

**ג)** ווער עס דארף נישט אינגאנצען דעם סמארטפאון, נאר פאר באקוועמליכקייט, זאל זיך אינגאנצען נישט באנוצן דערמיט.

**ד)** אפילו דער וואס דארף עס יא האבן לצורך פרנסה וכדומה, זאל זעהן צו האבן אינדערהיים א פשוטן סעלפאון, זיך צו באנוצן דערמיט אין שטוב ווען מען דארף. און זיך נישט נוצן מיט די סמארטפאון נאר צו די זאכן וואס מען דארף עס האבן. - און אפילו דאס, נישט בשעת די קינדער זענען אין שטוב, און כל שכן מיט די קינדער צוזאמען.

---

*

**אין יעדע סקול איז דא תקנות וואס מען פארלאנגט פון די קינדער, אויף די וועג פון די קליידונג, אויף די שיך, די וועג ווי אזוי די האר זאל זיין.** דאס ווערט פארלאנגט ווייל מיר ווילן מחנך זיין אונזערע טעכטער צו גיין בדרכי התורה והצניעות. **מען בעהט נישט זאכן וואס איז פרומקייטן, מען בעהט די מינימום שבמינימום וואס א אידישע טאכטער דארף זיך פירן. קליידונג פארלאנגט זיך אז עס זאל זיין וויניגסטנס פיר אינטשעס אראפצו פון די קניען. געוויסע קליידונג איז פארבאטן צו קומען דערמיט אין סקול, ווייל זיי זענען נישט צניעות'דיג. די שטרימפ זאל נישט זיין דורכזיכטיג. די האר זאלן זיין צוזאמגענומען, און נישט לאנג.** - און אז מען וויל זעהן נחת ביי די טעכטער, אז מען וויל אז זיי זאלן בלייבן מיט דעם צניעות זייער גאנץ לעבן, ליגט א פליכט אויף די מאמעס, מחזק צו זיין, און מעודד צו זיין, אז מען זאל אכט געבן אויף די תקנות, כדי זיי זאלן קענען ערציען זייער קינד, ווי עס פאסט זיך פאר א אידישע טאכטער.

**נישט נאר דאס קינד דארף מען מחנך זיין אזוי, נאר עלטערן דארפן זיין די מוסטער, די סעמפ״ל פאר די קינדער, ווייל קינדער לערנען זיך אראפ פון די עלטערן.** וואס די עלטערן טוען, דאס טוען זיי ווייטער. און אז מען זעט עס נישט ביי די עלטערן, נוצט נישט וואס מען

רעדט, אז מען זאל זיך אזוי פירן. וואס די סקול פארלאנגט פון א קינד, דארף זיך די מאמע אויך צושטעלן דערצו, זי זאל זיך אליין אזוי פירן. **זי איז אויך אמאל נתחנך געווארן אין א היימישע יודישע סקול, וואס מען האט עס אויך פארלאנגט פון איר, און זי טאר עס אויך נישט טוישן. און אז זי טוישט זיך דעם וועג ווי אזוי מען האט איר מחנך געווען, פארוואס ערווארט זי אז איר קינד וועט זיך נישט טוישן פון דעם וואס מען האט איר מחנך געווען.**

**ווען** א קינד ברענגט אהיים א צעטל, מיט א געוויסע תקנה וואס די סקול פארלאנגט, און די מאמע רופט זיך אן מיט א רימאר״ק דערויף, מיט א אפשפעטונג, צו מיט א ביטול, איז די גאנצע ארבעט וואס די סקול לייגט אריין נאכדעם, אומזיסטיגע ארבעט. און כל שכן ווען זי אליין ווייזט, אז זי פירט זיך אנדערש, און מען דארף נישט אזוי טון, טוט עס אוועקנעמען דער יסוד פארוואס מען שיקט א קינד צו לערנען, און נתחנך ווערן אין א ערליכן מוסד.

**עס** איז דא זמנים וואס מען דארף נישט קומען אין סקול אריין, שבתים און ימים טובים און אזוי ווייטער. **אסאך מאל איז דא, וואס אין די צייטן וואס מען איז פריי פון סקול, גייט מען אנדערש אנגעטון, ווי אין די צייט וואס מען איז אין סקול. און כל שכן ווען מען גייט צו שמחות אדער חתונות, טוען די מאמעס ערלויבן אז מען קען גיין מיט א קורצע קלייד, מען קען גיין מיט דינערע שטריפ, מען קען גיין מיט לאנגע האר, צו מעיקא״פ וכדומה. וואס איז דער מעסידזש וואס זי גיט פארן קינד? ווען זי לאזט א קינד אזוי גיין, איז כאילו זי האט ארויסגעשטעלט א טאוועל ביי זיך אין שטוב, אז מען זאל וויסן, אז וואס די סקול פארלאנגט איז נאר נוגע פארן סקול אליין, די סקול מוז אזוי זאגן, אבער עס איז נישט נוגע למעשה,** מען דארף זיך נישט אזוי פירן, עס איז נישט מחייב אז דאס איז אונזער הנהגה אז מען דארף זיך אזוי פירן. **און שפעטער ווען זיי גייען ארויס פונעם סקול, ווארפן זיי אראפ פון זיך דעם צניעות. ווען מען גייט ארבעטן, טוישט מען זיך תיכף דעם סארט קלייד, תיכף טוישט מען זיך די שטרימפ, תיכף טוישט מען זיך די וועג פון די האר, און אז עס ווערט מותר צו גיין, גייט מען שוין נאכדעם אזוי ווי מען וויל! און וויפיל באוויינען שפעטער די עלטערן, ווי אזוי מיין טאכטער גייט אנגעטון. און ווער איז שולדיג דערויף? די מאמע אליין! נישט די טאכטער. ווייל זי האט מחנך געווען איר טאכטער, אז די הנהגה פונעם סקול, איז נישט מחייב אזוי צו גיין.**

**אז** מען וויל אז זיי זאלן אויסוואקסן ערליכע אידישע טעכטער, דארף מען וויסן, **וואס די סקול פארלאנגט, דאס דארפסטו פארלאנגען פון זיך אליין אין שטוב. און עס איז נישט קיין נפקא מינה צו דאס איז צייטן וואס מען גייט אין סקול, צו דאס איז שבת, יום טוב, א חתונה. דער באשעפער איז די זעלבע, און די צניעות פון א אידישע טאכטער דארף זיין די זעלבע.**

**הכל** בידי שמים חוץ מיראת שמים (ברכות לג:). יראת שמים באקומט מען נישט פון סקול. יראת שמים באקומט מען די עיקר פון די שטוב, פון די הנהגה ווי אזוי די עלטערן פירן זיך. פונעם סקול באקומט מען נאר אזויפיל, אויסצולערנען ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. אבער אז מען זאל עס אויספירן, מקיים זיין בפועל, ווענדט זיך אין די מאמע אין דעם שטוב ווי אזוי זי פירט זיך, וואס זי פארלאנגט פונעם קינד, וויפיל ערליכקייט און יראת שמים זי לייגט אריין אינעם קינד, פון דעם עסט מען שפעטער די פירות.

*

**עס** שטייט אין די גמרא (חולין כד:), אז רבי חנינא האט געזאגט, ’חמין ושמן’, די ווארעמע וואסער, און די אויל, ’שסכתני אמי בילדותי’, וואס מיין מאמע האט מיך געשמירט ווען איך בין געווען יונג, ’הן עמדו לי בעת זקנותי’, דאס האט מיך געהאלפן אויף דער עלטער. דער פשט דערפון איז, ווארימקייט אין א קינד צו תורה און מצוות, דאס קומט פון די מאמע. די מאמע איז שטענדיג מיט די קינדער אינאיינעם, זי טוט ערציען די קינדער. דער פאטער קען זיך נישט אפגעבן מיט א קינד, ער איז דאך פארנומען פאר פרנסה. האט דער הייליגער תנא רבי חנינא געזאגט, די ווארימקייט וואס מיין מאמע האט מיך באשמירט ווען איך בין געווען יונג, דאס איז מיר געבליבן אויף מיין גאנץ לעבן. וואס איך האב היינט ווארימקייט, דאס נעמט זיך פון די ווארימקייט וואס מיין מאמע האט מיך געשמירט.

**די** שטאלץ פון קדושה, די שטאלץ צו זיין א אידישע טאכטער, זיך נישט רעכענען מיט די גאס, נישט קוקן ווי אזוי אנדערע גיין, און וויסן אז איך טו מיין פליכט וואס איך דארף צו טון, דאס קומט פון די מאמע, ווי אזוי זי איז מגדל אירע קינדער. **א מאמע דארף אריינגעבן א שטאלץ אין א יודיש קינד צו גיין ערליך, עס זאל נישט אינטערעסירן ווי אזוי דער גוי גייט, עס זאל נישט אינטערעסירן ווי אזוי די שכנים זענען אנגעטון. מיר האבן א תורה, און מיר גייען זיך צושטעלן צו די דרכי התורה.**

**מען** ווייסט וואס שטייט אין חז״ל (שמו״ר לו-א), אז אויל מישט זיך נישט אויס מיט אנדערע משקאות. ווען מען לייגט אריין אויל מיט סיי וועלכע משקה, וועט די אויל זיך אפזונדערן, און זיין פאר

זיך עקסטער. האט רבי חנינא געזאגט, דער אויל וואס מיין מאמע האט מיך באשמירט ווען איך בין געווען יונג, דער שטאלצקייט פון אידישקייט וואס מיין מאמע האט אין מיר אריינגעגעבן, אז איך זאל זיך נישט רעכענען מיט קיין צווייטן, איך זאל מיך שטענדיג שפירן, נישט אז איך בין נידריגער פון א אנדערן, נאר איך בין אויל, איך שטיי העכער פון א צווייטן! זיי האבן נישט די זכיה, און דעם שכל, זיך צו פירן ווי מען דארף. מיך האט מען אויסגעלערנט, אז א איד דארף זיין שטאלץ אין אידישקייט. דער חמין, דאס ווארימקייט, און די אויל וואס מען האט אריינגעגעבן אין מיר אין די יוגענט, אז איך זאל האבן א שטאלצקייט זיך צו פירן ערליך, דאס איז מיר געבליבן, און בייגעשטאנען אויף דער עלטער.

**די ווארימקייט, די ליבשאפט, אין א אידישע שטוב, דארף זיין אזוי שטארק צווישן די עלטערן מיט די קינדער, אז מען זאל קענען טאפן מיט די הענט, די ווארימקייט און די ליבשאפט וואס איז דא אין די שטוב.** א לופט, אן אויר פון שמחת החיים, דארף אנפולן יעדע ווינקעלע וואס איז דא אין שטוב, עס זאל זיין א צופרידנהייט פאר א קינד, צו זיין אין די שטוב. עס זאל זיך בענקן, ווען וועל איך שוין צוריק אריינקומען צו מיין מאמע אין שטוב, וואס איך באקום דארטן אזויפיל ליבשאפט. דאס איז ווען די שטוב איז שטענדיג מיט א שמחת החיים, **דאס רעדן אין דעם שטוב איז רוהיג, עס איז נישט דא קיין כעס, מען בייזערט זיך נישט, מען שרייט נישט, און אפילו ווען עס איז אמאל דא א סיכסוך אין שטוב, טאר עס נישט זיין אקעגן די אויגן פון די קינדער. אז מען האט עפעס, קען מען זיך אדורכקומען צווישן זיך אליין. א שטוב וואס איז דא רואיגקייט, א שטוב וואס איז דא לעבעדיגקייט, פרייליכקייט, דאס איז די איינציגסטע גאראנטי וואס מיר האבן, אז קינדער זאלן דארטן ערוואקסן ווערן ווי עס דארף, און זיי וועלן קיינמאל נישט איבערלאזן די שטוב, פאר סיי וואספארא צוועק, ווייל זיי וועלן נישט וועלן אפהאקן דעם נאנטקייט און דעם קשר וואס מען האט פון שטוב.**

**מיר** ווייסן אלע, די נסיונות וואס עס איז היינט דא, די שוועריקייטן אז מען זאל קענען ערציען ערליכע דורות, מען דארף אסאך רחמי שמים, און מען דארף אסאך מתפלל זיין דערויף. עס איז דאך די הייליגע טעג, מען דארף אסאך בעטן, אז דער אייבערשטער זאל געבן, אז מען זאל קענען זעהן נחת ביי די קינדער, זיי זאלן זיך פירן ערליך, גיין בדרכי התורה. **גוטע שטיבער, גאר גוטע שטיבער ליידער, הערט מען היינט פעלער, ווי די קינדער ווערן פארפאלן. אין חז"ל איז דא א עצה דערויף.** די גמרא זאגט (יומא מז.) אז קמחית האט געהאט זיבן קינדער, און אלע האבן זוכה געווען צו זיין כהנים גדולים, די גרעסטע וואס איז דא אין כלל ישראל. **און די חכמים האבן איר געפרעגט, וואס האסטו צוגעטוען דערצו, אז דו האסט זוכה געווען צו האבן אזעלכע קינדער. האט זי געענטפערט, אז די באלקאנס פון איר שטוב האט קיינמאל נישט געזעהן איר האר.** זעהט מען, אז זהירות, אפגעהיטנקייט אין צניעות, איז א סגולה פאר גוטע און חשובע קינדער. און דאס קען יעדער איינער פון אונז זוכה זיין. יעדער איינער פון אונז קען צוגעבן עפעס אינעם צניעות, און זוכה זיין נאכדעם צו האבן ערליכע אידישע דורות.

**און** איך וועל מיט דעם ענדיגן, **איך בעהט פון יעדן איינעם, מען זאל זיך עפעס פארנעמען**, עס איז א ניי יאר, מען דארף האבן אסאך רחמי שמים אויפן יאר. וואס מיר וועלן אויפטון אין די טעג מיט אונזערע תפילות, און מיט אונזערע קבלות, וועט פארשריבן ווערן דאס יאר פאר אונז אויף דעם וועג. **יעדער זאל נעמען אויף זיך א געוויסע הוספה, עפעס גיי איך צוגעבן, צו אין צניעות פון קליידונג, צו איז דאס אינעם צודעק פונעם קאפ, צו איז דאס אין טעכנאלאגישע כלים.** יעדער איינער ווייסט ביי זיך, וואו ער האט א שוואכקייט, און וואו ער קען עפעס צוגעבן. אפילו מען קען נישט טון גרויסע זאכן, מען דארף אנהייבן! עפעס א הוספה, וואס איך גיי מוסיף זיין דעם קומענדיגן יאר, וואס איך האב ביז יעצט נישט געטון. עס איז זיכער אז דער אייבערשטער וועט באצאלן דעם שכר דערויף. אין הקב"ה מקפח שכר כל בריה, דער אייבערשטער טוט נישט מקפח זיין שכר פון קיין שום דבר טוב וואס א איד טוט.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן, אז מיר זאלן אלע זוכה זיין, צו האבן א שנה טובה ומתוקה. דער באשעפער זאל אונז געבן פרנסה בהרחבה, געזונט, און נחת. די וואס זענען זיך צוזאמגעקומען דא, זאל זיי דער אייבערשטער בענטשן מיט א גמר חתימה טובה, און א גוט געבענטשט יאר, זיי, מיט די מענער, און די קינדער, און די אייניקלעך. הבא לטהר מסייען אותו (שבת קד.), ווען א מענטש וויל זיך פירן ערליך, טוט מען צוהעלפן פון הימל, אז מען זאל זוכה זיין, אז מען זאל האבן שטובער וואס זאלן זיין מלא ברכת ה', אנגעפולט מיט ברכה פון אייבערשטן, קינדער תלמידי חכמים, טעכטער וואס זאלן אויסוואקסן אידישע מאמעס. זאלן מיר אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

**ההפצה נדבת חס"ד הי"ו לתועלת הרבים**